NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13471

HARI AYZMAN

V. Kulitshenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.


וו. קולטשענקא
האַרי אײַזמאַן

שול־און פּיִאָנערן־ביבליִאָטעק

וו. קוליטשענקאָ (וו. ליר)

האַרי אײַזמאַן

יִידיש — מ. גערשנזאָן

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציִאָ־
נאַלע מינדערהייטן אין אוסר״ר

כאַרקאָוו 1933 קיִעוו

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פונעמ
בוכ און די שיפערנ פאַר ביבליאָטעק־
קאַטאַלאָגנ זײַנענ אָפגעדרוקט אינ „צײַט־
שריפט פונ דרוק“ און אינ דעמ קאַרטנ־רע־
פערטואַר פונ דער אוקר. ביכער־פאַלאַטע.

אלוקר. פאָליגר. פאַרייניקונג.
25־טע דרוקערײַ, בערדיטשעװ
באַשט. 505 3000 עקז. פאַרל. 67 № E
הויפטליט נומ. 738 סטאַטליט נומ, A126
III־24 1933 יאָר.

ווער איז הארי אייזמאנ?

הארי אייזמאנ... פיאָנערנ אונ שילער פונ אוקראינע ווייסנ אָט דעמ נאָמענ. וועגנ הארי אייזנמאנענ האָבנ זיי זיכ דערוווסט אינ 1929 יאָר, בעייס דעמ ערשטנ אלוקראינישנ פיאָנערנ־צונויפלי.

פונ דער וויטער אמעריקע זיינענ אפ אונדזער אלוקראינישנ צונויפלי געקומענ צו פאָרנ געסט — א דעלעגאציע פיאָנערנ פונ די פאריייניקטע שטאטנ. אסאכ אינטערעסאנטס האָבנ זיי אונדז דערציילט וועגנ דעמ לעבנ אונ וועגנ דער ארבעט פונ די קינדער אינ אמעריקע: וויאזוי אינעמ לאנד פונעמ דאָלאר, אינעמ לאנד פונ די רייכסטע באנקירנ פארפאָלגט מענ פיאָנערנ. זיי האָבנ אונדז אויכ דערציילט, ווי דער בורזשואזער געריכט האָט זייער כאווער הארי אייזמאנענ פארזעצט אינ טורמע פאר זיינ אקטיווער פיאָנערישער ארבעט.

אפ דער אלוקראינישער קאָנפערענצ, וואָס איז פאָרגעקומענ בעייסנ צונויפלי, האָט די אוקראינישע פיאָנעריע ניט פארגעסנ אינ אייזמאנענ. זי האָט אימ געשיקט א הייסנ כאווערשנ גרוס, פראָטעסטירט קעגנ זיינ ארעסט אונ אויסגעקליבנ אימ פאר אנ ערנ־פיאָנער פונ דער אוקראינישער אָרגאניזאציע.

ערנ־פיאָנער — ס'איז ניט קיינ נאָמענ סטאמ. דעמ נאָמענ טראָגנ די כאווירימ, וואָס האָבנ אסאכ יאָרנ געקעמפט פאר דער זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס האָבנ זייער גאנצע מי אוועקגעגעבנ דער בויונג פונעמ ראטנפארבאנד אונ זיינענ קיינמאָל ניט מיד אונ ווערנ ניט מיד אינעמ שווערנ קאמפ פאר קאָמוניזמ.

הארי אייזמאנ איז אלט געווענ 14 יאָר, ווענ מע האָט אימ אויסגעקליבנ פאר אנ ערנ־פיאָנער. זיינ לעבנ אונ קאמפ־וועג

היבט זיך ערשט אָן. אָבער פאר די ווייניקע יאָרן, וואָס ער האָט אָפגעלעבט, האָט ער שוין באוויזן ארויסרופן צו זיך האס בא דער בורזשואזיע און אויסצייכענען זיך, ווי א מוטיקער פאָרשטייער פונעם דריטן דאָר באָלשעוויקעס.

מיט דעם, וואָס מע האָט אויסגעקליבן אייזמאנען פאר אן ערן־פיאָנער, האָבן די אוקראינישע פיאָנערן געוואָלט אונטערשטרייכן די העראָישע ארבעט פון די טויזנטער פיאָנערן אין די קאפיטאליסטישע לענדער. הארי אייזמאן איז ניט קיין איינציקער, ער איז ניט קיין „העלד”. באגלייך מיט אים ארבעטן און קעמפן אין די פאראייניקטע שטאטן פון צאָפן־אמעריקע און אויך אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער טויזנטער אזוינע האריס.

מיר גיבן ארויס דאָס ביכל, קעדיי צו ווייזן, אין א וועלכע טנאָים סע קומט אויס אונדזערע כאווירים צו ארבעטן אין די קאפיטאליסטישע לענדער.

הארי אייזמאן איז איצט אלט 15 יאָר. ער איז אן אקטיווער פיאָנער פון ניו־יאָרקער אָרגאניזאציע, א פיאָנער־קאָמיוגיסט. זיין פאָטער איז נאָך באם צאריזם ארויסגעפאָרן קיין אמעריקע פון בעסאראביע. איצט לעבט הארי בא זיין עלטערן ברודער.

נאָר ניט דאָס אינטערעסירט אונדז. אונדז אינטערעסירט, וויאזוי אייזמאן ארבעט אין די רייען פון די פיאָנערישע אָרגאניזאציעס אין די פאראייניקטע שטאטן.

אמעריקאנער פיאָנערן

אין 1921 יאָר, בעיס דעם הונגער אין די ראטן־רעפובליקן, האָבן קינדער פון ארבעטער אין די פאראייניקטע שטאטן פון צאָפן־אמעריקע געשאפן אן אָרגאניזאציע „רויטע אויסשפירער”. דער ציל פון דער אָרגאניזאציע איז געווען — העלפן די הונגערנדיקע ראטן־קינדער.

די „רויטע אויסשפירער” האָבן עקזיסטירט ניט לאנג, אָבער די אָרגאניזאציע האָט אין א געוויסער מאָס מיטגעווירקט דער

אנטשטייונג פון דער קאָמוניסטישער קינדער־באוועגונג. אין 1923־טן יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס. זיי האָבן זיך גערופן „די סעקציע יינגערע באַם אמעריקאַנישן יוגנט-פאַרבאַנד" (אַזוי האָט דאָרט דעמאָלט געהייסן דער קאָמיוג). שפּעטער האָבן זיך די גרופּעס פאַרייניקט אין א ליגע (פאַרבאַנד) „יונגע פּיאָנערן". אַזוי רופט זיך די פּיאָנערישע אָרגאַניזאַציע ביז היינטיקן טאָג.

די ליגע פּיאָנערן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרייניקט ביז 4000 מיטגלידער, און נאָך דייטשלאַנד איז דאָס דער גרעסטער פּיאָנערישער פאַרבאַנד אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער קינדער־באַוועגונג פאַרנעמען די אמעריקאַנער פּיאָנערן שוין לאַנג איינע פון די ערשטע ערטער מיט זייער אַקטיווער אַרבעט.

די אמעריקאַנער פּיאָנערן, ווי זייערע אַלע כאַווײרים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, קומט אויסצו אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען.

ניט זיס לעבט זיך די קינדער בא זייערע אַרבעטער־עלטערן אין אמעריקע. אַסאַך עלטערן זיינען אַרבעטלאָז, און די, וואָס אַרבעטן, האָבן א קליינעם געהאַלט. דעריבער קומט אויס אַסאַך קינדער צו זוכן פאַר זיך אַרבעט. אין קיין איין לאַנד (אויסער כינע) איז ניט אַזוי פאַרשפּרייט די קינדער־אַרבעט, ווי אין אמעריקע. אין 1930 יאָר האָבן אפילע די בורזשואַזע צייטונגען אָנגעציילט אין די פאַרייניקטע שטאַטן 4 מיליאָן קינדער, וואָס אַרבעטן. ס'איז פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַסאַך מערער.

קינדער אַרבעטן אַפּ פאַבריקן, זאַוואָדן, אין דאָרפישע ווירטשאַפטן (פּלאַנטאַציעס), אַפּ די גאַסן פון די שטעט. אַפּ די פּלאַנטאַציעס קלייבן צינויף בוימוואָל קינדער אין עלטער פון 5—6 יאָר. אין די שטעט פאַרקויפן אַסאַך קינדער צייטונגען, פוצן שיך, באַדינען די איינפאָרער אין די האָטעלן, צעטראָגן סכוירעס און אַנדערע זאַכן.

די לעצטע צייט האָבן די אמעריקאַנער פּיאָנערן אָנגעהויבן פירן אַן אַרבעט צווישן קינדער—אַרבעטער. זיי ווילן זיי פאַראייניקן צום קאַמף פאַר א בעסער לעבן.

איינצײַטיק נעמט די פּיאָנערישע אָרגאניזאציע אנ אָנטייל אינעמ קאמפּ, וואָס סע פירנ די עלטערע ארבעטער.

די פּיאָנערנ באטייליקנ זיכ אינ אלע ארויסטרעטונגענ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ שטעלנ זיכ ניט אָפּ פאר די פּאָליציייִשע שטעקנס. אינעמ טאָג פונ די ארבעטלאָזע, דעמ 6־טנ פעווראל, אינ טאָג פונ ערשטנ מײַ אינ 1930־טנ יאָר, האָבנ די פּיאָנערנ דעמאָנסטרירט אינ די ארבעטער־קאָלאָנעס, ניט געקוקט אפּ אלע וואָרענונגענ אונ דראָונגענ, וואָס מע האָט זיי געמאכט אינ די שולנ. די פּיאָנערנ אָרגאניזירנ אויכ זייערע אייגענע קינדערשע דעמאָנסטראציעס.

א מוסטער־ארבעט פירנ דורכ די אמעריקאנער פּיאָנערנ בעיס די שטרײַקנ. זיי אָרגאניזירנ די קינדער פונ די שטרײַקנדיקע, העלפנ פארשפּרייטנ ליטעראטור, שטייענ בא די פּיקעטנ־אָטריאדנ, וואָס די ארבעטער שטעלנ ארויס קעדיי ניט צולאָזנ צו דער ארבעט קיינ שטרײַקברעכער, באמיִענ זיכ דורכ די קינדער פונ די שטרײַקברעכער צו ווירקנ אפּ זיי, אז זיי זאָלנ זיכ פאראייניקנ צומ שטרײַק. זיי אָרגאניזירנ געלט־זאמלונגענ איבערנ גאנצנ לאנד אפּ העלפנ די שטרײַקער. אינ אלע גרויסע שטרײַקנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ די לעצטע צײַט, האָבנ די פּיאָנערנ גענומענ אנ אקטיוונ אָנטייל. אסאכ פּיאָנערנ האָט מענ דערפאר ארעסטירט, אסאכ האָט די פּאָליציי צעשלאָגנ.

די פּיאָנערנ אָרגאניזירנ זייערע מאכנעס אינ די שולנ, אונ דורכ זיי פירנ זיי דורכ זייער ארבעט.

די אמעריקאנער שול איז אזא ווי אינ אנדערע בורזשואזע לענדער: קינדער פונ ארבעטער ווילנ זיי פארוואנדלענ אינ געהאָרכזאמע ארבעטער, גוטע סאָלדאטנ, קנעכט פונ דער בורזשואזיע. די שול פירט א קאמפּ מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. די פּיאָנערנ אונ שילער, וואָס נעמענ אנ אָנטייל אינ די ארויסטרעטונגענ פונ די ארבעטער, באשטראָפט מענ שטענדיק.

די קינדער פונ ארבעטער קומט אויס זיכ צו לערנענ אינ זייער שווערע טנאָימ: סע קומט זיי אויס זייער ווײַט גיינ אינ שול, ניט שטענדיק האָבנ זיי די מעגלעכקײַט צו קויפנ די נייטיקע מאכשירימ אונ ניט יעדנ טאָג קאָנענ זיי קומענ מיט אָנבײַסנס.

די פּיאָנערן קעמפן פאַר פאַרגרינגערן די באַדינגונגען פונעם לערנען זיך. זיי פאָדערן אומזיסט טראַמוויי־ביכלעך פאַר די אָרעמע שילער, אומזיסטע מאכשירים, הייסע אָנבייסנס און אַנ־דערע זאכן. די פּיאָנערן געבן א ווידערשטאנד דער בורזשואזער ווירקונג פון די לערער. זיי פאַרשפּרייטן אין שול זייער צייַ־טונג „יונגער פּיאָנער" און געבן אויך אַרויס האנטשריפטלעכע צייַטונגען און זשורנאלן, אָרגאַניזירן די שילער בעיס די ארבעטער־ארויסטרעטונגען און פירן דורך שול־שטרייַקן.

די בורזשואזע סקאַוטישע אָרגאַניזאציע האָט זייער א גרויסע ווירקונג אף די קינדער אין אמעריקע. ס'איז דאָרט פאַראַן ארום א מיליאָן סקאַוטן, צווישן זיי אויך קינדער פון ארבעטער, וואָס דער בורזשואזיע האָט זיך איינגעגעבן זיי פאַרטונקלען די מוי־כעס און אריינבציען זיי אין אירע אָרגאַניזאציעס. דער ציל פון דער סקאַוטישער אָרגאַניזאציע איז — אויסבילדן פון די קינ־דער פאַרטיידיקער פונעם קאַפּיטאַליזם, סאָלדאַטן פון די בור־זשואזע ארמייען, פייַנט פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

די אמעריקאַנער פּיאָנערן פירן אַן אקטיווען קאַמף מיט די סקאַוטן. זיי אָרדענען איין דעמאָנסטראַציעס קעגן זיי, מאַכן קלאָר פאַר די שילער די עמעסע צילן פון אָט דער אָרגאַניזאַ־ציע און נעמען אָן מיטלען אריבערציען די קינדער פון אר־בעטער, וואָס געפינען זיך צווישן די סקאַוטן. דער קאַמף גייט מיט דערפאָלג. ס'איז שוין אפילע געווען פאַלן, ווען גאַנצע גרופּעס סקאַוטן זייַנען אריבער צו די פּיאָנערן.

די לעצטע צייַט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער טעראָר קעגן די פּיאָנערן. די בורזשואזע צייַטונגען נוצן אויס יעדע פּיאָנע־רישע ארויסטרעטונג, קעדיי רופן צום קאַמף מיט די פּיאָנע־רישע אָרגאַניזאציעס. די פּאָליציי שפּירט שטרענג נאָך די פּיאָנערן. זייער אָפּט ארעסטירט מען פּיאָנערן, און די קאָמיר־גיסטן — זייערע אָנפירער. אין 1929 יאָר האָט די פּאָליציי אין קאַליפאָרניע צעטריבן א פּיאָנערישן לאַגער, און דער געריכט האָט פאַרמישפּעט צו טפיסע די אָנפירער נאָך דערפאַר, וואָס אין לאַגער האָט מען ארויסגעהאנגען א רויטע פאָן. די פּאָליציי באַשיצט שטענדיק די סקאַוטן פון די פּיאָנערן. זי העלפט אויך

די לערער צו קעמפנקעגן די ווירקונגען פון די פּיאָנערן אין שול. די בורזשואזע געריכטן פאַרמישפּעטן אַפילו עלטערן פון פּיאָנערן, דערפאַר וואָס זייערע קינדער נעמען אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

זייער אָפט שלאָגן לערער די פּיאָנערן אין די שולן. אין אַזוינע באַדינגונגען אַרבעטן די אַמעריקאַנער כאַווערים, אין אַזוינע באַדינגונגען האָט אויך געאַרבעט האַרי אײַזמאַן.

נישט געקוקט אָף אַלע פאַרפאָלגונגען, און שטערונגען, וואַרפן ניט די פּיאָנערן זייער אַרבעט. פאַרקערט, זיי פאַרברייטערן זי, נעמען אַרײַן אונטער זייער ווירקונג וואָס ווײַטער אַלץ מערער קינדער. און וואָס שטאַרקער ס'איז דער טעראָר קעגן די פּיאָנערן, אַלץ שטאַרקער און ברייטער פירן זיי זייער אַרבעט.

אין 1929 יאָר אָף דעם אַלפאַרבאַנדישן צונויפפלי האָבן די אַמע־ריקאַנער און אוקראַינער פּיאָנערן געשלאָסן אַ סאָציאַליסטישן אָפּמאַך. די אַמעריקאַנער כאַווערים פילן אויס דעם אָפּמאַך. זיי פאַרברייטערן זייערע רייען, אָרגאַניזירן נײַע מאַכנעס, פאַרשטאַרקן די אַרבעט אין די שולן.

אוקראַינער פּיאָנערן מוזן נאָכקוקן נאָך דער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער פּיאָנערן, וויסן וועגן זייער קאַמף און קענען איינעם פון די אַקטיווסטע פּיאָנערן—האַרי אײַזמאַנען.

אין דער 61־ער שול

אין 1928 יאָר האָט זיך האַרי אײַזמאַן געלערנט אין דער 61־טער שול אין ניו־יאָרק. ווי אַ פּיאָנער, האָט ער אָנגענומען אַלע מיטלען, קעדיי צו שאַפן אַ פּיאָנערישע אָרגאַניזאַציע בײַ זיך אין שול. אים האָט זיך אײַנגעגעבן ניט נאָר שאַפן אַ פּיאָ־נערישע מאַכנע, נאָר אויך אויפקשטעלן דאָרט אַ גוטע אַרבעט. מיט דער צײַט האָט די מאַכנע פאַרייניקט הונדערט שילער.

די מאַכנע האָט געאַרבעט אַקטיוו, זי האָט רעאַגירט אָף אַלע געשעענישן אין שול און אויסער דער שול, זי איז גע־שטאַנען בעראָש פון דער גאַנצער שילערשאַפט.

אייניקע בײַשפּילן פון דער אַרבעט פון דער מאַכנע אין דער 61־טער שול. פון די בײַשפּילן וועלן אונדזערע לעזער קאָנען ביכלאַל באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער פּיאָנערן.

ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געהעכערט די פּרײַזן אַף די טראַמווײַ־ביכלעך. ניו־יאָרק איז זייער אַ גרויסע שטאָט. אַף צו קומען אין שול קו׳מט אויס די שילער דורכמאַכן עטלעכע קילאָמעטער יעדן טאָג. די מערהײַט שילער פאָרן מיטן טראַמווײַ. פאַרשטייט זיך, אַז די געהעכערטע פּרײַזן אַף די טראַמווײַ־ביכלעך האָבן פריִער פאַר אַלץ געטראָפן די קינדער פון אַרבעטער, זייער אַסאַך עלטערן אָבן ניט געקאָנט געבן זייערע קינדער אַזויפיל געלט, אַז ס׳זאָל זיי סטײַען אַף יעדן טאָג פאָרן מיטן טראַמווײַ. לויט דער איניציִאַטיוו פון די פּיאָנערן, האָט מען אָנגעהויבן צונויפנעמען כסימעס אונטער אַ פּעטיציע (מעלדונג) מיט דער פאָדערונג צו פאַרקלענערן די פּרײַזן אַף די טראַמווײַ־ביכלעך. אין דער 61 שול שטעלט האַרי אײַזמאַן צונויף אַזאַ פּעטיציע, און די פּיאָנערן קלײַבן צונויף 174 אונטערשריפטן אונטער דער מעלדונג און שיקן זי אַוועק צו דער מאַכט.

דער דירעקטער פון שול איז זייער ניט צופרידן. די שילערשע פּעטיציע באַטראַכט ער, ווי אַ רעוואָליוציִאָנערן אַרויסטריט. ער באַמערקט די ראָל פון אײַזמאַנען.

ס׳דערנעענטערט זיך דער ערשטער מײַ, די אַרבעטער גרייטן זיך צו אַ דעמאָנסטראַציע, די פּיאָנערן רופן די שילערשאַפט זיך פאַרייניקן צו די אַרבעטער־קאָלאָנעס. „קומט ניט אין שול אין טאָג פון ערשטן מײַ!״—שרײַבט האַרי אײַזמאַן אין שילערשן פּיאָנערישן זשורנאַל.

די לערער קאָנען ניט דערלאָזן, אַז די שילער זאָלן זיך באַטייליקן אין די דעמאָנסטראַציעס. באַשטימען זיי אומיסטן אַפן ערשטן מײַ עקזאַמענעס, קעדיי צו פאַרהאַלטן די שילער. דאָך האָבן די שילער גענומען אַן אָנטייל אין דער פײַערונג פון ערשטן מײַ. פאַר די לעקציעס האָבן די פּיאָנערן צונויפגעזאַמלט די שילער און דערוואַקסענע באַ דער שול און געמאַכט

א מיטינג וועגן ערשטן מײַ. האַרי אײַזמאַן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע. דער דירעקטאָר האָט געמוזט אַרויסרופֿן פּאָליציי און צעטרײַבן דעם מיטינג.

דער דירעקטאָר לאָזט שוין אײַזמאַנען ניט אַרויס פֿון אויג. אים איז באַוווּסט, אַז יענער רופֿט אָפֿט צונויף די שילער אין „מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען", ווו קאָמוניסטן אָרדענען איין זייערע מיטינגען.

אין ענגלאַנד שטרײַקן די שאַכטיאָרן. אין אַלע לענדער זאַמלען די פּיאָנערן געלט פֿאַר די קינדער פֿון די שטרײַקער, העלפֿן זייערע ענגלישע כאַווערים. די פּיאָנערישע מאַכנע פֿון דער 61־טער שול לאָזט אויך אַרויס אַן אויפֿרוף, וואָס רופֿט אַלעמען נעמען אַן אָנטייל אין דער דאָזיקער הילף. האַרי אײַזמאַן אָרגאַניזירט אַ געלט־זאַמלונג אין שול.

גרייטנדיק די גאַנצע צײַט אַ מילכאָמע, ווילן די קאַפּיטאַליסטן אײַנרעדן, אַז זיי גרייטן זיך קלוימערשט צו שאָלעם. דער אַמעריקאַנער מיניסטער קעלאָג האָט צונויפֿגעשטעלט אַ פּאַקט (אָפּמאַך) וועגן היטן דעם פֿרידן. לאָזט האַרי אײַזמאַן אַרויס אַן אויפֿרוף צו די שילער, ווו ער דערקלערט, אַז די בורזשואַזע מעלוכעס פֿאַרשטעלן זיך מיט רייד וועגן שאָלעם, כדי צו גרייטן אַן אָנפֿאַל אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד, אַז דער קעלאָג־פּאַקט איז ניט מער ווי אַ מאַסקע. „נידער מיט דער אימפּעריאַליסטישער הערשונג! פֿאַרטיידיקט דאָס לאַנד פֿון די ראַטן! טרעט אַרײַן אין די רייען פֿון די פּיאָנערן!" — פֿאַרענדיקט דער אויפֿרוף.

דער דירעקטאָר שפּירט נאָך נאָך דער אַרבעט פֿון די פּיאָנערן. ער האָט באַשטימט צו „ווירקן" אויפֿן אומרויִקן אײַזמאַנען. האַרי לערנט זיך גוט, פֿירט זיך אים איבער אין אַ קלענערער גרופּע פֿאַר „אָפּגעשטאַנענקייט".

אין האַרבסט, ווען די שילער האָבן זיך אומגעקערט אין שול, האָבן זיי שוין געטראָפֿן אַ נײַעם נומער פֿונעם שול־פּיאָנערישן זשורנאַל מיט אַן אויפֿשריפֿט אויפֿן שאַר־בלעטל: „מיר זײַנען ווידער דאָ, גרייט צום קאַמף".

יעדער יאָר פֿײַערט מען אין די אַמעריקאַנער שולן דעם „יאָנטעוו פֿון דער אַמעריקאַנער פֿאָן". אין דעם טאָג מוזן

די שילער בּרענגען א שוועו וועגן טרײַהײַט דער מעלוכע. די פּיאָנערן אָבער פירן אַן אגיטאציע קעגן דעם יאָנטעוו. א גרופּע פּיאָנערן בּעראָש מיט אײַזמאַנען זאָגן זיך אָפּ צו שווערן פאַר דער פאָן. אײַזמאַנס כאַווער, קאַפּלאַן, זאָגט דעם דירעקטער:

— מיר געבּן אָפּ סאַליוט דער רויטער פאָן, ווײַל ס'איז די די פאָן פון אַרבּעטער.

די פּיאָנערן אָרדענען אײַן א מיטינג, ווו מע טרעט אַרויס קעגן דעם יאָנטעוו פון דער אַמעריקאַנער פאָן. ווי שטענדיק, טרעט אַרויס מיט א רעדע האַרי אײַזמאַן.

וועגן דער אַרויסטרעטונג דערוויסן זיך די צײַטונגען. זיי הייבּן אוף א שרעקלעכן טומל וועגן „דער בּאָלשעוויסטישער מאַגייפע אין די שולן". זיי פאָדערן שטרענגע שטראָפן.

איינע פון די צײַטונגען האָט געשריבּן:

„150 מענטשן זײַנען געווען אפן מיטינג, ווו האַרי אײַזמאַן האָט געלויבּט פסר"ר און פאַרשאָלטן אַמעריקע. צי קענען די עלטערן דערלאָזן אַזא זאַך? און אויבּ עלטערן קאָנען עס דערלאָזן, טאָ זאָלן זיי שיקן זייערע קינדער אין די ראַטן־שולן".

דער דירעקטער פון שול שיקט א בּריוו אין די צײַטונגען. ער זאָגט צו פירן א קאַמף מיט די בּאָלשעוויקעס:

„קיין איינבּאָלשעוויק וועט ניט וואַגן אין מײַן שול אופצוהייבּן א רויטע פאָן, איך וועל צווינגען די פּיאָנערן זיך אונטערוואַרפן מיר, ניט מאָסקווע".

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט האַרי אײַזמאַנס בּרודער בּאַקומען אַזא בּריוו:

1502. קראָטאָווא־פּאַרק. בּראָנקס. דעם מיסטער אַלעקסאַנדער אײַזמאַן. איבּערגעבּן נאָר דערוואַקסענע אין די הענט אַרײַן. מיט דעם מעלדע איך אײַך, אַז אײַער בּרודער האַרי אײַזמאַן ווערט אויסגעשלאָסן פון שול פאַר ניט־דיסציפּלינירטקײַט".

דירעקטער (אונטערשריפט)

איבּיינעם מיט האַרין האָט מען אויסגעשלאָסן זײַן כאַווער קאַפּלאַן און נאָך 60 פּיאָנערן.

האַרי אײַזמאנ איז געבליבנ אויסער דער שול. נאָר די אר־בעט האָבנ דאָרט פאָרגעזעצט זײַנע כאוויירים.

ווענג האַרי אײַזמאנענ האָבנ שוינ געוווּסט די בורזשואזע בלעטער אונ די פּאָליציי.

אינ קאמפ מיט די סקאוטנ

זומער 1929 איז פאָרגעקומענ צוויי צוזויפליענ. דער אלפאר־באנדישער פּיאָנער־צוזויפלי אינ מאָסקווע, אפ וועלכנ ס׳זײַנענ זיכ צוזויפגעפאָרנ פּיאָנערנ־דעלעגאציעס פונ אלע לענדער, אונ דער אלוועלטלעכער צוזויפלי (דזשאמבאָרי) פונ סקאוטנ אינ ענגלאנד.

פופציק טויזנט סקאוטנ האָבנ זיכ צוזאמענגעקליבנ לעבנ דער שטאָט ליווערפול (ענגלאנד), קעדיי צו דעמאָנסטרירנ די קויכעס פונ זייערע אָרגאניזאציעס. —

די יונגע פּיאָנערנ פונ די פארייניקטע שטאטנ האָבנ אויס־געניצט דעמ מאָמענט אפ צו פארשטארקנ דעמ קאמפ קעגנ די סקאוטנ, אפ אופדעקנ דעמ עמעסנ פארצעפ פונ דערדאָזי־קער בורזשואזער מיליטאריסטישער אָרגאניזאציע.

דעמ 20־טנ יולי איז פונ ניו־יאָרק קיינ ענגלאנד אָפּגעגאנ־ גענ א שיפ מיט דער אמעריקאנער סקאוטנ־דעלעגאציע אפ דער דזשאמבאָרי. די פּיאָנערנ האָבנ אײַנגעאָרדנט באמ האפנ א גרויסע דעמאָנסטראציע אונ פארהאלטנ די שיפ אפ 20 מינוט. ערשט נאָכדעמ, ווענ די פּאָליציי האָט צעטריבנ דעמ מיטינג אונ ארעסטירט אייניקע פּיאָנערנ, איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ „אָרדענונג".

ווידער האָט די בורזשואזע פרעסע אופגעהויבנ א טומל ווענג דער באָלשעוויסטישער געפאר, געזידלט די פּיאָנערנ אפנ ערגסטנ אויפנ אונ ניט פארגעסנ אויכ האַרי אײַזמאנענ. ער האָט גענומענ אנ אקטיוונ אָנטייל אינ דער דעמאָנסטראציע, אונ מע האָט אימ ארעסטירט טאקע דאָ אפנ ברעג.

איינ צייטונג האָט, צומ בײַשפּיל, ווענג דער דעמאָנסטרא־ציע געגעבנ א גרויסנ נאָטיצ אונטער אזא קעפּל:

די רויטע ווילדעוועס אינ האפנ בעייסנ אָפּשווימענ פונ די סקאוטנ.
מיידלעכ שלאָגנ זיכ מיט דער פּאָליציי.

אָט ווי די צײַטונג באשרײַבט די געשעענישנ:

„זיבעציק קאָמוניסטישע יוגנטלעכע אונ דערוואקסענע, אָנ־פירער פונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג, האָבנ פארוואנדלט דאָס אָפּפאָרנ פונ דער אָקעאנ־שיפ „סאמאריע", וואָס האָט גע־דארפט פאָרקומענ נעכטנ 11 אזייגער אינדערפרי, אינ א סקאנ־דאל. קעדיי צו מאכנ א סאָפ דערצו, איז אויסגעקומענ ארויסצו־רופנ רעזערוו־פּאָליציי פונ טשארלז־סטריטער ראיאָנ.

מיט קאָמוניסטישע פאָנעס זײַנענ 50 קינדער, מיטגלידער פונ פּיאָנערישע אָרגאניזאציעס, אונטער דער אָנפירונג פונ 20 דערוואקסענע געקומענ צומ האפנ אויסצולאכנ די 250 סקאוטנ, וואָס זײַנענ מיט דער שיפ געפאָרנ אפ דער אלוועלטלעכער סקאוטישער דזשאמבאָרי אינ בירקענכעד (ענגלאנד)...

... „אינ דערזעלבער צײַט איז בענדזשאמינ גארפער ארופגע־לאָפנ ביז אפ העכער האלב פונעמ טראפּ אונ גענומענ האלטנ א רעדע, וואָס האָט זיכ גיכ צעגויפגעגאָסנ מיט די אויסגע־שרייענ פונ האמוינ. „נידער מיט די בויסקאוטנ!" „נידער מיטנ קאפּיטאליזמ!" „די סקאוטנ גרייט מענ צו מילכאָמע!"

„שפּעטער האָט מענ ארויסגערופנ א פּאָליצייִשע טייל, וואָס האָט גענומענ צעטרײַבנ די פּיאָנערנ. פארשטענדלעכ, אז די בורזשואזע פּרעסע איז פאר דער פּאָליציי, זי פּרוווט זיכ אפילע דערווײַזנ, אז די פּיאָנערנ זײַנענ אליינ אָנגעפאלנ אפ דער פּאָ־ליציי אונ ניט פארקערט."

די צײַטונג שרײַבט ווײַטער:

„די 70 פּיאָנערנ, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ, געבריקעוועט אונ געביסנ זיכ, האָט מענ פונ דעמ האפנ ארויסגעשלעפּט אפ דער גאס. דאָרט איז געווענ אסאכ פרײַער, אונ מע האָט זיכ געקענט א ריר טונ. איינער א יאט, ווענ דאָס פערד פונעמ רײַטער־פּאָליציאנט לא־פּאָרזש האָט אימ אָפּגעטיילט פונ זײַנע כאווײרימ, האָט געכאפּט א אײַזנ־שטאָק אונ האָט א זעצ געמאָנ

דאָס אומגליקלעכע פערד איבערן קאָפּ, שפּעטער האָט מען אים דערפאר ארעסטירט״.

אָט דער יאט איז געווען הארי אײַזמאַן. די צײַטונג האָט זייער באַדויערט דאָס „אומגליקלעכע פערד״ און קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז מיט דעם פערד האָט דער פּאָלי־ציאַנט געקאָנט דערשטיקן אײַזמאַנען.

נאָר לאָמיר זען וואָס שרײַבט די צײַטונג ווײַטער:

„די פּאָליציי־לײַט זײַנען געווען זייער אין א שלעכטער לאגע. צווישן די דעמאָנסטראַנטן זײַנען אויך געווען אסאך מיידלעך און זיי האָבן זיך געשלאָגן ניט ערגער פון די פּיאָ־נערן—די ייִנגלעך. איין פּאָליסמען האָט א זעץ געטאָן א מיידל, וואָס האָט אים א ביס געטאָן אין האַנט.

ווען די פּיאָנערן האָבן דערזען, אַז דער סירענע איז שטאַר־קער פון זיי, זײַנען זיי אוועק, זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאל״.

„אין טשארלז־סטריטער ראַיאָן האָט מען פיר יאטן גענומען צום פארהער, ווײַל מע האָט זיי כוישעד געווען, אַז זיי האָבן אָנטייל גענומען אין די געשעענישן.

„דער 14־יאָריקער הארי אײַזמאַן, וואָס האָט זיך ארופגעוואָרפן אפן פערד פון פּאָליציאַנט לא־פּאַרזש, האָט געמאָלדן דעם קאַפּיטאַן וואַרעטאָוו, ווען יענער האָט אים פארהערט, אַז ער ווי א קאָמוניסט, „גלויבט ניט אין דער אמעריקאַנער פאָן״ און פילט, אַז זײַן כויוו איז געווען צו דעמאָנסטרירן קעגן די סקאוטן.

„מאָרגן אינדערפרי וועט מען אים אין מאַנהאַטאַניער קינ־דערשן געריכט מישפּעטן פאר א צווייענדיקער שולד: פאו׳ דע־באָש, און פאר דעם אכזאָריעסדיקן באַגיין זיך מיט א באַלכײַ״.

אפגיך איז פאָרגעקומען דער געריכט. גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער ריכטער האָט ניט גענומען אין אכט דאָס, וואָס די פּאָלי־ציי האָט געשלאָגן די פּיאָנערן, וואָס איינער פון די פּאָליציי־לײַט האָט צעריסן דאָס אָנטון בא א פּיאָנערקע, וואָס זיי האָבן געטראָטן די קינדער מיט די פערד. דערפאר אָבער האָבן זיי אײַזמאַנען, וואָס האָט א זעץ געטאָן דאָס פערד קעדיי זיך צו ראַטעווען פון טויט, שטרענג פארמישפּעט. דער בורזשואזער געריכט האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן אײַזמאַנען זײַן „ארויס־

טריט קעגן דער אמעריקאנער פאָנ" און האָט אויסגענוצט זײַן ארעטט אפּ זיך צערעכענען מיט אים.
אײַזמאַנען האָט מען פארמישפּעט אפ 6 כאדאָשים קינדער־טורמע.

גלײַך פון טפיסע—ווידער צו דער ארבעט

אפן געריכט האָט הארי אײַזמאַן ארויסגעזאָגט זײַנע מיי־נונגען דרייסט און אָפן. אים האָט ניט אָפּגעשראָקן די שווערע שטראָף, און ער האָט צוגעזאָגט אויך אפ ווײַטער ארבעטן אין די רייען פון די פּיאָנערן, קעמפן מיט דער בורזשואזיע.
אויך אין טפיסע איז ער געבליבן דערזעלבער דרייסטער פּיאָנער.

דער אלוקראַינישער און אלפארבאנדישער צונויפלי אין פסר"ר, פּיאָנערישע פארזאמלונגען פון פארשיידענע לענ־דער האָבן געשיקט א גרוס זייער כאוער און געפאָדערט אים צו באפרײַען. באפרײַען אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. הארי אײַזמאַן איז אָפּגעזעסן 6 כאדאָשים פארשפּארט אונטער גראטעס.

ווען די פּיאָנערן־דעלעגאציע אפן צונויפלי האָט זיך אומ־געקערט פון ראטנפארבאנד קיין אמעריקע, האָבן די פּיאָנערן געוואָלט דערציילן אײַזמאַנען וועגן אלץ, וואָס זיי האָבן געזען אין פסר"ר, וועגן דעם, אז מע האָט אים אויסגעקליבן פאר אן ערן־פּיאָנער, און אויך וועגן צונויפלי. נאָר אין טורמע האָט מען ניט דערלויבט איבערגעבן אײַזמאַנען קיין בריוו. ווען אײַזמאַן האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער פאראקשנט געפאָדערט דעם בריוו און אפילע דערקלערט א הונגער־שטרײַק.
ערשט דעם 30־טן יאנואר 1930־טן יאָר איז הארי אײַזמאַן ארויס פון טורמע.

300 פּיאָנערן און עלטערע ארבעטער האָבן זיך צונויפגע־זאמלט לעבן דער קינדער־טורמע באגעגענען זייער כאוער. טאקע דאָ אפן אָרט האָט מען אײַנגעאָרדנט א מיטינג און מע האָט באגריסט דעם אקטיוון פּיאָנער, וואָס קערט זיך אום צו דער ארבעט. אויך הארי אײַזמאַן איז אויסגעטראָטן מיט א

רעדע. ער האָט צוגעזאָגט קיינמאָל ניט אָפּטרעטנ פונעמ קאמפ מיט דער בורזשואזיע, פּאָרזעצנ ווי פריִער דעמ שטרײַק מיט די סקאוטנ אונ ארבעטנ אינ דער פּיאָנער־באוועגונג.

צו די פּיאָנערנ פונ ראטנ־רוסלאנד האָט הארי אײַזמאנ געשיקט אזא בריוו:

„טײַערע כאווײרימ, פּיאָנערנ פונ ראטנפארבאנד!

מײַנע כאווײרימ האָבנ מיר דערציילט פונ אײַער קאמפ פאר באפרײַענ מיכ פונ דער קינדער־טורמע. א גרויסנ דאנק אײַכ פאר דעמ.

די אָנפירער פונ דער קינדער־טורמע האָבנ ניט איינמאָל זיכ געפּרוּווט מיכ אײַנרעדנ, איכ זאָל פארלאָזנ די קאָמוניסטישע באוועגונג. פארשטייט זיכ, אז זייערע רייד זײַנענ געווענ ארויסגעוואָרפענע.

די אמעריקאנער קאפּיטאליסטנ האָבנ מוירע פאר דער פּיאָנערישער אונ קאָמוניסטישער באוועגונג. די שאָוויניסטישע אָרגאניזאציע „קריג־וועטעראנענ" האָט ארײַנגעטראָגנ א פאָרשלאג אינ דער שטאָט־פארוואלטונג, מ'זאָל שאפנ א קאָמיסיע פונ אונטערנעמער, וואָס זאָל אכטונג געבנ אפ די שילער־קינדער פונ ארבעטער, זיי זאָלנ ניט נעמענ קיינ אָנטייל אינ די דעמאָנסטראציעס פונ ארבעטער־קלאס. ניו־יאָרקער פּיאָנערנ קעמפנ מיט אָט דעמ פאָרשלאג.

מיר וועלנ זיכ ניט אָפּשטעלנ פאר דעמ געזעצ אונ וועלנ פירנ ווײַטער דעמ קאמפ האנט־בא־האנט מיט די עלטערע כאווײרימ.

אינ קאליפאָרניע האָט מענ פארמישפּעט אייניקע פּיאָנערנ צו 5 יאָר טורמע, דערפאר וואָס זיי האָבנ אופגעהויבנ א רויטע פאָנ אינ איינעמ פונ אונדזערע פּיאָנערישע לאגערנ. אינ אסאכ ערטער שליסט מענ פּיאָנערנ אויס פונ שול פאר פּראָפּאגאנדע.

אָט די אלע מיטלענ קעגנ דער איינציקער אָרגאניזאציע פונ ארבעטער־קינדער אינ אמעריקע מאכט אונדז נאָכ דרייסטער אונ מוטיקער אינ קאמפ מיטנ קאפּיטא-

ליזמ. די 6 כאַדאָשימ טורמע האָבנ נאָכ שאַרפער פאַר־גרעסערט מײַנ פײַנטשאַפט צו דער װעלט בורזשואַזיִע.

איצט בינ איכ פרײַ, איכ טאָר נאָר ניט אָפּפּאָרנ פונ שטאָט אָנ דער דערלױבעניש פונ געריכט. אױב איכ װעל װענ עס איז אָפּ אַ דעמאָנסטראַציִע אַרױסטרעטנ פאַר די אַרבעטער, קערט מענ מיכ װידער אום אינ טורמע.

מע האָט בא מיר גענומענ דאָס װאָרט—אַלע צװײ טעג ברענגענ אַ צעטל פונעמ לערער אונ פונ ברודער, אַז איכ באַזוכ רעגולער די שול אונ לערנ זיכ גוט. אױב איכ װעל אָנ אַ װיכטיקער סיבע ניט קומענ אינ שול, קאָנ מענ מיכ װידער אַרײַנזעצנ אָפּ אַנדערהאַלבנ יאָר אינ טורמע. אונ אַזױנע באַדינגונגענ װעל איכ דאַרפנ אָפּלעבנ נאָכ 3 יאָר.

נאָר דאָס אַלצ קאָנ מיר ניט שטערנ מײַנ אָנטײלנע־מענ אינ דער קאָמוניסטישער באַװעגונג. יוענ מע האָט מיכ דעמ 2־טנ אױגוסט 1929 יאָר פאַרמישפּעט צו טורמע, האָב איכ געשװוירנ פאַרנ געריכט אונ שװער אױכ איצט פאָרצוזעצנ דעמ קאַמפּ מיטנ קאַפּיטאַליזמ אונ זײַנע מעשאָר־סימ — בױטקאַוטנ אונ „קריג־װעטעראַנענ", װעלכע גרײטנ אַנ אָנפאַל אָפּ אונדזער פאָטערלאַנד—אָפּנ ראַטנפאַרבאַנד.

איצט, נאָכ די 6 כאַדאָשימ טפיסע, בינ איכ װידער גרייט צו שװערנ פאַר דער אַרבעטערשאַפט אונ קינדער פונ אַרבעטער פונ ראַטנפאַרבאַנד אינ אַמעריקע, אַז איכ װעל פירנ אַ קאַמפּ אָפּ פאַרטײדיקנ פסר"ר אונ די אַל־װעלטלעכע פּראָלעטאַרישע רעװאָליוציִע.

מיט קאָמוניסטישנ גרוס—שטענדיק גרייט

הארי אײַזמאַנ"

נײנ, די קאַפּיטאַליסטנ װעט זיכ ניט אײַנגעבנ צו דערשטיקנ די פּיִאָנערישע באַװעגונג, װײַל אינ די רײענ פונ פּיִאָנערנ איז דאָ אַסאַכ אַזױנע הארי אײַזמאַנס, װאָס האָבנ ניט מוירע פאַר שטראָפּ אונ זעצנ פאָר זײער אַרבעט ניט געקוקט אָפּ גאָרניט.

װענ מ'האָט אימ באַפרײַט, האָט הארי אײַזמאַנ אָנגעהױבנ גײנ אינ שול, אָנגעהױבנ אַרבעטנ אינ דער פּיִאָנערישער אָרגאַניזאַציִע, אָבער ניט לאַנג...

ווידער אונטער גראַטעס

דעם 6־טן מארט 1930־טן יאָר האָבן די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט דורכגעפירט גראנדיעזע דעמאָנסטראציעס פאָדערנדיק צו פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטלאָזע. אין די קאפיטאליסטישע לענדער וואקסט די ארבעטלאָזיקייט פון טאָג צו טאָג. מיליאָנען ארבעטער האָבן ניט קיין ארבעט, זייערע מישפּאָכעס הונגערן.

די אמעריקאנער פּיאָנערן האָבן גערופן אלע קינדער אָנ־טייל צו נעמען אינעם טאָג פון די ארבעטלאָזע, ארויסגיין אין די גאסן, שטעלן זיך אין די רייען פון די דעמאָנסטראנטן. אין ניו־יאָרק זײַנען דעם 6־טן מארט אסאך שילער ניט געגאנגען אין שול: זיי האָבן דעמאָנסטרירט אף די גאסן.

נאָך אָט דער ארויסטרעטונג האָבן די לערער שטארקער אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָך די פּיאָנערן. אין ניו־יאָרק אליין האָט מען העכער 100 פּיאָנערן ארויסגעשלאָסן פון די שולן. אסאך קינדער, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין די דעמאָנ־סטראציעס, האָט מען אין די שולן געשלאָגן. די עלטערן זייערע האָט מען צוגעצויגן צום געריכט און מע האָט זיי שטראפירט און געוואָרנט, אז אין פאל זייערע קינדער וועלן נאָכאמאָל אָנטיילנעמען אין די ארבעטער־דעמאָנסטראציעס, וועט מען זיי באשטראָפן נאָך שטרענגער.

אף דער דעמאָנסטראציע איז אויך ארויסגעגאנגען האַרי אײַזמאַן. אים האָט ניט אָפּגעשטעלט די געפאר ווידער ארײַנ־צופאלן אין טורמע.

די פּאָליציי האָט האַרין באמערקט, און מע האָט אים ארעס־טירט. ווידער איז אים אויסגעקומען צו שטיין פארן געריכט.

איצטיקס מאָל איז די שטראָף געווען גאָר א שטרענגע.

אײַזמאַנען האָט מען פארמישפּעט אף גאנצע פינף יאָר טפיסע. אף פינף יאָר האָט מען אים ארויסגעריסן פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג. עס האָט נאָך געדראָט א געפאר מע זאָל האַרין ארויסשיקן פון אמעריקע קיין בעסאראביע, ווי א „פרעמדן בירגער”

אָט אזוי צערעכענענ זיכ די קאפיטאליסטנ מיט די אקטיווע פיאָנערנ.

נאָר אָפּשרעקנ די פיאָנערנ האָט זיכ זיי ניט איינגעגעבנ.

אינ טאָג פונ 1־טנ מיי 1930־יאָר איז א גרויסע צאָל פיאָנערנ, ניט געקוקט אָפּ אלערליי נאָכשפּירונגענ, וויסנדיק, אז זיי דראָט דאָסזעלבע, וואָס הארי אייזמאנענ ניט געקומענ צו גיינ אינ שול. זיי האָבנ ווידער דעמאָנסטרירט אָפּ די גאסנ צוזאמענ מיט די ארבעטער.

הארי אייזמאנס כאוויירים האָבנ ניט אָפּגעשטעלט די ארבעט.

די פיאָנערנ האבנ געהאָלפנ די ארבעטער אינ דער צייט, ווענ ס'איז פאָרגעקומענ דער שטרייק פונ די שניידער אינ ניו-יאָרק, זיי זיינענ געשטאנענ בא די פיקעטנ, ניט אריינגעלאָזנ די שטרייקברעכער אָפּ די אונטערנעמונגענ. צווישנ די פיקעט-ניקעס, וואָס די פאָליציי האָט ארעסטירט, איז געווענ זעקס פיאָ-נערנ אונ שילער.

אינ קלעוועלענד־אָהיאָ האָבנ די שילער אונטער דער אָנפי-רונג פונ די פיאָנערנ געמאכט א דעמאָנסטראציע, זיי האָבנ געפאָדערט אומזיסטע אָנבייסנס פאר קינדער פונ ארבעטער. איבער דעמ האָט מענ ארעסטירט 40 פיאָנערנ אונ קאָמיוגיסטנ. שפּעטער האָט מענ די פיאָנערנ באפרייט, נאָר די ארעסטירטע קאָמיוגיסטנ קלייבט מענ זיכ מישפּעטנ.

דעמ 3־טנ אפּרעל 1930־טנ יאָר האָבנ אינ עלדאָראדאָ 600 ארבעטער זיכ אָפּגעשלאָגנ פונ דער פאָליציי, וואָס איז אָנגע-פאלנ אָפּ א פארזאמלונג. די פאָליציי האָט אטאקירט די ארבע-טער, געשלאָגנ מיט די גומי־שטעקנס עלטערע אונ קינדער. די ניט־באוואָפנטע ארבעטער האָבנ געגעבנ א שטארקנ ווידער-שטאנד. בעראָש מיט דער אָנפירערנ עלענ גוואלטני, וואָס די פאָליציי האָט זי שפּעטער אכזאָריעסדיק געשלאָגנ, האָבנ די פיאָנערנ געזונגענ רעוואָלוציאָנערע לידער אינ מעשעכ פונ דעמ גאנצנ שלאכט.

מע וואָלט געקאָנט ברענגענ נאָכ אסאכ אזעלכע ביישפּילנ וועגנ דעמ קאמפּ פונ די אמעריקאנער פיאָנערנ—אייזמאנס כאוויירימ.

פאר אײַזמאנס באפרײַונג!

שאפט אָרגאניזאציעס פונ יונגע פּיאָנערנ! קעמפּט פאר דער באפרײַונג פונ הארי אײַזמאנ!—האָבנ גערופנ די ניו־יאָרקער קאָמיטעטנ פונ פּארטיי אונ קאָמיוג אינ אספּעציעלנ אופרופ צו די ארבעטער, ווענ מע האָט אָנגעהויבנ פארפאָלגנ די פּיאָנערנ נאָכנ 6 פעוורא<.

די ניו־יאָרקער פּיאָנערנ האָבנ אויכ ארויסגעלאָזט א ספּעציעלנ אופרופ צו די קינדער פונ די ארבעטער:

„קינדער פונ ניו־יאָרקער ארבעטער!

דער קעמפער פאר דער זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס, דער פּיאָנער הארי אײַזמאנ, זיצט אינ טורמע. קעמפט פאר זײַנ באפרײַונג! פאָדערט מע זאָל אימ ארויסלאָזנ!

ווער פונ די ארבעטער־קינדער ווייסט ניט פונ די אמעריקאנער פּיאָנערנ? אמעריקאנער פּיאָנערנ שטעלנ מיט זיכ פאָר אנ אָרגאניזאציע פונ ארבעטער־קינדער, וואָס קעמפנ פאר די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס.

שוינ לאנג, אז די פּיאָנערנ קעמפנ פאר פארבעסערנ די לאגע פונ די ארבעטער־קינדער אינ די שולנ. מיר קעמפנ פאר אויסבויענ נײַע שולנ, פאר ארויסגעבנ עסנ אונ קליידער אומזיסט די קינדער פונ ארבעטער, וואָס לערנענ זיכ אינ שול.

מיר קעמפנ מיט די בויסקאוטנ—אנ אָרגאניזאציע פונ קינדער, וואָס די אונטערנעמער האָבנ געשאפנ. אָט די אָרגאניזאציע לערנט אויס די קינדער פונ ארבעטער, זיי זאָלנ העלפנ די אונטערנעמער בעייס א שטרײַק, זיי זאָלנ זײַנ שטרײַקברעכער אונ פײַנט האָבנ ארבעטער. אָט די אָרגאניזאציע גרייט זיי צו א מילכאָמע פאר די אינטערעסנ פונ די אונטערנעמער, גרייט זיי צו א מילכאָמע אינ דער צײַט, ווענ דער ארבעטער קומט אומ, אונ דער אונטערנעמער זשעברעוועט מיליאָנענ. איצט פאלנ אָנ די אונטערנעמער אפנ פּאָטערלאנד פונעמ ארבעטער־קלאס—אפנ ראטנפארבאנד נאָר דערפאר, וואָס פסר״ר קעמפט פארנ

ארבעטער, און די אונטערנעמער אין אלע לענדער האָבן מוירע פאר די ארבעטער און האָבן זיי פיַינט.

האַרי איַיזמאַן זיצט אין טורמע, וויַיל ער האָט געקעמפט פאר די אינטערעסן פון ארבעטער און זייערע קינדער. ער איז אלט 15 יאָר און איז איינער פון די אקטיוויסטע פּיאָנערן. האַרי איַיזמאַן האָט געקעמפט אין בּראָנקס דער־פאר, אז מע זאָל אויסבויען א נייַע שול־געבּיַידע, אז מע זאָל פארבעסערן די באַדינגונגען פונעם לערנען פאר די ארבעטער־קינדער.

פאר דעם קאמף האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון שול. האַרי איַיזמאַנען האָט מען פארזעצט אין טורמע נאָר דערפאר, וואָס ער האָט געקעמפט פאר די ארבעטער, וואָס ער האָט געהאָלפן זייערע קינדער און איז געווען אין דער פּיאָנערישער אָרגאַניזאַציע.

קינדער פון ארבעטער! פאָדערט מע זאָל באַפריַיען האַרי איַיזמאַנען! קעמפט מיט די סקאוטן, גייט אוועק פון די רייען פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע, טרעט אריַין אין די פּיאָנער־מאַכנעס! שיקט איַיערע פּראָטעסטן צו אונדזער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, קיין ניו־יאָרק, 28־26 יוניאָן־סקווער.

מיר וועלן באַפריַיען האַרי איַיזמאַנען!

פאָדערט מ׳זאָל אים באַפריַיען!

אמעריקאַנער פּיאָנערן.

ניו־יאָרק.

אלס ענטפער אף דעם אופרוף האָבן די פּיאָנערן איבער גאַנץ אמעריקע אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פּראָטעסט־דעמאָנ־סטראַציעס קעגן דעם ארעסט פון האַרי איַיזמאַנען, אין די שולן האָט מען ארויסגעטראָגן פּראָטעסט־רעזאָליוציעס. אין טשיקאַגאָ האָבן אסאך שילער און פּיאָנערן געמאכט דעמאָנ־סטראַציעס אף די גאַסן און געפאָדערט באַפריַיען איַיזמאַנען.

די פּאָליציי האָט צעטריבן די דעמאָנסטראַציע און ארעס־טירט 100 מענטשן. די ארעסטירטע האָבן געזונגען „אינטער־נאַציאָנאַל", ניט אופגעהערט זינגען אים אפילע אין פּאָליציי־אָפּטייל, ביז מע האָט זיי ניט באַפריַיט.

די פּיאָנערן פון דער שטאָט הערלי האָבן האַרינג געשיקט אזא בריוו:

„טײַערער כאַווער האַרי אײַזמאַן! פון די צײַטונגען האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מע האָט דיך ווידער אַרעס־טירט פאַר דײַן אָנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע פון אַר־בעטלאָזע, אז מע האָט דיך פאַרמישפּעט אף 5 יאָר טורמע, און אז מע וויל דיך אַרויסשיקן אַהין, ווּ דו ביזט געבוירן געוואָרן — קיין רומעניע. מיר פּיאָנערן פון דאָרעמ־הערלי גריסן דיך און מיר זײַנען אַנטציקט פון דײַן אַרבעט. מיר וועלן שטיין פאַר דיר אײַזן־פעסט. מיר וועלן ניט דערלאָזן מע זאָל דיך אַרויסשיקן קיין רומע־ניע. מיר וועל פאָדערן דײַן באַפרײַונג.

אונדז איז גאַנץ גוט באַוווּסט, אז די אַמעריקאַנער קאַ־פּיטאַליסטן ווילן צעוואַלגערן די פּיאָנערישע באַוועגונג. נאָר מירגרייטן זיך אַרויסטרעטן דעם ערשטן מײַ. מיר וועלן מעלדן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם בורזשואַזן טעראָר ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין דער גאָרער קאַ־פּיטאַליסטישער וועלט. אונדזער פּיאָנערישע מאַכנע גריסט דעם „מ אָ פּ ר"

זאָל לעבן די פּיאָנערן־באַוועגונג!

זאָל לעבן דער קאָמיוג!

זאָל לעבן פסר"ר!"

אַסאַך אַזוינע בריוו האָט האַרי אײַזמאַן באַקומען נאָך זײַן אַרעסט.

אויך אין אַנדערע לענדער האָבן פּיאָנערן געקעמפט פאַר האַרי אײַזמאַנס באַפרײַונג. פון אַלע לענדער איז קיין אַמעריקע אָנגעקומען פּראָטעסטן קעגן דעם אומגערעכטן אורטייל איבער אײַזמאַנען. די פּיאָנערן און שילער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַזוינע פּראָטעסטן אַרויסגעטראָגן ניט איינמאָל.

האַרי איז ניט איינער. זײַנע כאַווײרים נעמען אַ בײַשפּיל פון אים און פירן אויך אַזוי דרײַסט און העלדיש דעם קאַמף, ווי ער.

אין דעם בוך האָבן מיר שוין געהערט וועגן האַרי אײַז־מאַנס כאַווער—סידני קאַפּלאַן, וואָס מע האָט אים אײַנגעם

מיט אײַזמאנענ אויסגעשלאָסנ פונ שול. נישט לאנג איז קאפלאנ מיט נאָך צוויי כאווײרימ געשטאנענ פארנ געריכט. מע האָט אימ באשולדיקט אינ אָרגאניזירנ א שול־שטרײַק. פונקט ווי אײַזמאנ, האָט קאפלאנ אויך דרייסט געענטפערט אפ אלע פראגעס פונעמ ריכטער, פארטיידיקט זײַנע קאָמוניסטישע אָנשויונגענ, זײַנ פּיאָנערישע ארבעט, גערעדט וועגנ זײַנ גרייטקײַט אָפצוגעבנ אלע קויכעס דעמ קאמפ פארנ ארבעטער־קלאס. אויך קאפלאנענ דראָט טפיסע.

ארעסטירנ פּיאָנערנ איז געוואָרנ אינ אמעריקע א געוויינלעכע דערשײַנונג פאר דער לעצטער צײַט.

נאָר קיינע ארעסטנ, קיינע פארפאָלגונגענ מיצאד די קאפּיטאליסטנ וועלנ ניט דערשטיקנ די פּיאָנערנ־באוועגונג, ווײַל די פּיאָנערנ־באוועגונג פארמאָגט הארי אײַזמאנענ אונ טויזנטער אזוינע מוטיקע יונגע קעמפער.

הארי אײַזמאנ אינ פסר״ר

די פּיאָנערנ פונ אלע לענדער, די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, דער מאָפּר — האָבנ געפאָדערט באפרײַענ הארי אײַזמאנענ.

אונ צומ סאָפ 1930־טנ יאָר האָט זיך אײַנגעגעבנ אימ צו באפרײַענ!

די אמעריקאנער רעגירונג האָט ארויסגעלאָזט אײַזמאנענ פונ טפיסע אונ האָט אימ דערלויבט ארויסצופאָרנ ניט קיינ רומעניע, ווי דער געריכט האָט באשטימט, נאָר אינ ראטנפארבאנד.

אמעריקאנער פּיאָנערנ האָבנ הייס באגריסט זייער באפרײַטנ כאווער. מיט אימ אינאיינעמ האָבנ זיך געפרייט די פּיאָנערנ פונ דער גאנצער וועלט.

אינ דעקאבער איז הארי אײַזמאנ ארויסגעפאָרנ קיינ פסר״ר. עטלעכע הונדערט פּיאָנערנ פונ ניו־יאָרק האָבנ זיך צונויפגעקליבנ אימ באגלייטנ אונ איבערגעבנ זייערע פלאמיקנ גרוס די סאָוועטישע פּיאָנערנ.

איצט איז הארי אײַזמאנ אינ פסר״ר. ער איז געקומענ אהער, אינעמ לאנד פונ כאַציאליזמ, קעדיי פארזעענ זײַנ לער־

נען זיך און זײַן ארבעט. דאָ וועט ער זיך שטעלן אין די רייען פון די בויער פון סאָציאַליזם.

די פיאָנערן פונעם ראטנפארבאנד האָבן אויסגענוצט האַרי אײַזמאנס קימען, כדי צו פארשטארקן די אינטערנאציאָנאלע ארבעט. זיי געדענקען, אז טויזנטער פיאָנערן אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער קומט אויס צו ארבעטן און קעמפן אין אזוינע שווערע באדינגונגען, ווי האַרי אײַזמאן האָט געארבעט. באגריסנדיק האַרי אײַזמאנען, האָבן זיי דערמיט באגריסט די פיאָנערן פון די קאפיטאליסטישע לענדער.

האַרי אײַזמאן באזוכט די גרעסטע פיאָנער־אָרגאניזאציעס, אומעטום דערציילט ער וועגן זײַנע כאווײרים, וועגן זייער ארבעט, וועגן זייערע אָרגאניזאציעס.

מע מוז העלפן האַרי אײַזמאנס כאווײרים אין זייער שווערער ארבעט, פארשטארקן די פארבינדונג מיט זיי, דערמונטערן זיי מיט דערפאָלגרײַכער ארבעט. מע דארף פארשטארקן די בריוו־פארבינדונג מיט זיי, ווײַל יעדער יעדיע פון ראטנפארבאנד איז פאר זיי א יאָנטעוו, א גרויסע פרייד. זיי ווילן וויסן, ווי ארבעטן פיאָנערן אין א לאנד, ווו ס׳איז ניטאָ קיין פאָליציי, קיין סקאוטן, ווו ס׳איז ניטאָ קיין קינדער־טורמעס, ווו פאר האַרי אײַזמאנען איז ניטאָ מער קיין געפאר, מ׳זאָל אים פארזעצן אין טורמע.

2087

[redacted] קאָפּ.

פּרײַז 35 קאָפּ.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

В. Куліченко

ГАРІ АЙЗМАН

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

В. Куличенко

ГАРРИ АЙЗМАН

Державне Видавництво Національних Меншостей УСРР при Президії ВУЦВК'у

„Укрдержнацменвидав"